**דוד אפטייקער**

# פון שטעדטעל אין שטאָדט

— פראַגמענטען —

I

אין ווינטער-נעכט בין איך געזעסן אין מיין שטיבעל אַליין
אין דרויסן האָט געקנאַקט דער פראָסט און געבלאָזן דער ווינט
אָבער וואָס איז עס מיך אָנגעגאַנגען, אַז דער לאָדען איז געווען פערפראַלט
און דורך די שפּאַרעס האָט זיך אַריינגעבויערט בלויז לבנה-שיין —
ביי מיר אין שטיבעל איז געווען שטיל, נאָר אַ מאָל פלעגט אַ הונד
זיך צובילען און דורכשניידען די שטילקייט פון נאַכט...
אין די גראָהע ווינטער-פאַרטאָגען כ׳האָב שוין באַלד פערגעסען
אָך, די צייטען, ווען כ׳בין אין זיי געלאָפען אין חדר, וואו זענען?
כ׳פלעג מיר אויפשטעלען דעם קאָלנער פון מאַנטעל און גיין;
דאָס שטעדטעל איז נאָך געשלאָפען... נאָר אַ מאָל פלעג איך בעגעגענען:
אַ גוי, וואָס האָט געפיהרט אַ וועגעלע האָלץ אין שטעדטעל אַריין
אַ מאָהל ווידער „געצעל-גוי״, בשעת ער פלעגט וואַרטען אויף אַ גוי!
און אין חדר איז געווען וואַרעם, ס׳האָט זיך געהייצט אין אויווען
דער רבי פלעגט בראָטען בולבעס און זאָגען אַזוי:
געלויבט השם יתברך, כ׳האָב מיר געקויפט אַ פוּהרעל האָלץ, אָט זעה ווי די שויבען
זענען פערפרוירען און די קעלט האַלט אין איין וואַקסען און וואַקסען...
אַ רבי, פלעג איך זאָגען, ביי אונז אין חדר איז תמיד וואַרים
אַפילו „ ווען אויפ׳ן פריפעטשיק ברענט נישט קיין פייערל״
וואַרימט דאָס התלהבות, דאָס נשמה-פייער...!

II

...אין ווינטער-נעכט זיץ איך אין מיין „סאַלאָן״ אַליין —
אין אויווען הייצט זיך, אָבער קאַלט איז מיר אין דער נשמה
נישטאָ מעהר חדר-התלהבות, צווישען שטיינער ווערט מען אַ שטיין...!

III

ס׳זענען געווען צייטען, — ווען ס׳האָבען זיך בעוויזען פריהלינג-שטראַהלען
פלעג איך פערלאָזען מיין שטיבעל און גיין:
זיך אָנזעטען מיט בילדער פון פעלדער און וועלדער
און זעהען, ווי זיי שטעהען אויף תחית-המתים!
אַ מאָל האָבען מיך פייגעל בעגעגענט מיט טרעלען
און בעגלייט... אַ מאָל האָט די זון זיך צעשיינט
און בעקרוינט מיין קאָפּ מיט אַ שפע פון שטראַהלען...
און איך האָב מיך געפרייט מיט געזאַנג און מיט זון
און ס׳האַרץ פלעגט וואַקסען פון תענוג און וואַקסען...

IV

און כ׳געדענק נאָך ווי היינט
די זוניגע טעג און לבנה׳דיגע נעכט
אין מיין שטעדטעל פערבראַכטע...
וואַלד, סאָסנעס אייביג גרינע,
טאָפּאָלעס מעכטיג-אויפגעשאָסענע
און צניעות׳דיגע ווערבעס —
ווי זיי שטייען צע׳תפלה׳ט אויפ׳ן ברעג
פון אַ שטיל וואַסערל...
און כ׳געדענק נאָך ווי היינט
דעם טייך, די לאָנקע, די וועגען, די שליאַכען
און די גרויסע בלאָטעס —
ווען רעגען פלעגט גיין און גיין...
ס׳קלינגען נאָך דודקעס אין מיינע אויערען,
וואָס פאַסטוכער פלעגען זינגען
און וואָס זשאַבעס-קראַקען פלעגט בעגלייטען.
יאָ, כ׳געדענק עס, אַלץ לעבט נאָך אין מיר
ווי אַ צווייטער „איך״...!

---

יחזקאל פיינער

## רעציטאַציע-ליעד

מאָטאָ: האי עלמא כבי הילולא דמי׳...

שטיל... שטיל... אַזוי ווייך, אַזוי מילד —
האָט אַ פידעל געוויינט, גערעדט.
און שווער ווי מיט אַ האַמער האָט אַ פויק
געקלאַפּט זיך אויף דעם האַרצען על-חטא...״
— על-חטא?!
אַ קלאַרנעט
האָט געפּישטשעט:
— זעט!... — זעט!...
אַ געוועט —
איז דאָס לעבען פון
גוט און שלעכט.
און סטראָמביעט אַ טראָמייטער:
— ווייטער! וו-יי-ט-ע-ר!...
היינט מיר, מאָרגען דיר —
פלאַצען סטרונעס ביים קלאַוויר
און לאַנגזאַם... לאַנגזאַם...
שטיל...
שטיל...
אַזוי ווייך, אַזוי מילד
שטאַרבט אַ ליעד, אַ ליעד—
פאַלען הענד אַראָפּ מיעד.
— מאַנדאָלינאָ!!!
— האַ!?
— פיאַנינאָ!!!
אַ באַל —
קאַ-ר-נאַ-וואַל!!!
— זעט!...
— זעט!...
אַ געוועט —
איז דאָס לעבען: כאַ-כאַ-כאַ!...
ס׳האָט אַ פידעל שטיל געוויינט, גערעדט —
און שווער ווי מיט אַ האַמער, האָט אַ פויק
געקלאַפּט זיך אויף דעם האַרצען
על-חטא...״

לאָדז תרצ״ב

---

ב. י. ווײַנשטיין

## קורצע לידער

וועסט זיך טובל׳ען אין ליידען,
וועסט דו אויפקומען געלייטערט!...
וועסט דיך געפונען אין טהאָל,
וועסט דו אויף בערגער קאָנען שטייגען!..

וואָס פינסטערער די נאַכט,
וואָס העלער די שטערען.
וואָס טיעפער אין פיין,
וואָס נעהנטער צו ג-ט!...

ווער איז גליקליך, הימעל-הויך?
ווער אמונה אין האַרצען האָט!
ווער איז שטיין-רייך?
ווער ס׳פערמאָגט אַ ג-ט!...

ווען שפין איך אַ ליעד?...
ווען כ׳בין אין איינזאַמען טרויער!
ווען ווער איך מיעד?
ווען שוין פעהלט אַ טרעהר!... — — —